# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

390 | פרשת מטות מסעי | תשפ"א


## מאוצרות אמונים

## פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### לויבן אויף אלעס וואס "צוה ה'"

**"וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לֵאמֹר זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה'"** (ל ב)

**דער צאנזער רבי בעל 'שפע חיים' האט געטייטש:**

חז"ל זאגן (חולין ז ב): "אין אדם נוקף [=צוקלאפט] אצבעו מלמטה, אלא אם כן מכריזין עליו מלמעלה"; דער מענטש דארף גלייבן אז אלעס וואס פאסירט מיט אים אין זיין לעבן, און אין דעם איז אריינגערעכנט אויך די קליינע איינצעלהייטן, אלעס איז מיט השגחה פרטית. און ווי דער רמב"ן שרייבט (שמות יג טז): "אין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שנאמין **בכל** דברינו ומקרינו שכולם נסים אין בהם טבע ומנהגו של עולם". צוליב דעם האבן די חכמים מתקן געווען אז דער מענטש זאל אנהייבן זיין טאג מיטן זאגן 'ברכות השחר' וואס אין זיי לויבט ער פאר הקדוש ברוך הוא באזונדער אויף אלע גוט'ס וואס ער טוט מיט אים, און דורך זיי זאגן נעמט דער מענטש אריין אין זיך און לעבט מיט דעם אז אלע גוט'ס צו וואס ער איז זוכה קומט צו אים מיט א השגחה פרטית פון השי"ת.

דער יסוד איז מרומז אין אונזער פסוק: "וַיְדַבֵּר מֹשֶׁה אֶל רָאשֵׁי הַמַּטּוֹת" זיי זאלן אויסלערנען "לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל" אז אויף יעדע זאך וואס פאסירט מיט זיי, ליגט אויף זיי: "לֵאמֹר: זֶה הַדָּבָר אֲשֶׁר צִוָּה ה'".

'שפע חיים' תשנ"ה

### 'ובצל כנפיך תסתירנו' - צוליב די מקטרגים

**"וְאִם לֹא תַעֲשׂוּן כֵּן הִנֵּה חֲטָאתֶם לַה' וּדְעוּ חַטַּאתְכֶם אֲשֶׁר תִּמְצָא אֶתְכֶם"** (לב כג)

**זאגט דער רידב"ז:**

ווי באקאנט, פון יעדע מצוה וואס דער מענטש טוט ווערט באשאפן א מלאך וואס איז מליץ טוב און פון יעדע עבירה ווערט באשאפן א מקטרג. דער מלאך וואס איז באשאפן געווארן פון טון א מצוה זוכט אויף דער וואס האט געטון די מצוה, און דער מקטרג זוכט אויף דעם וואס האט אים באשאפן דורך זיין זינד. און דאס האט משה געמיינט זאגנדיג: "וּדְעוּ חַטַּאתְכֶם אֲשֶׁר תִּמְצָא אֶתְכֶם".

און אויף דעם בעטן מיר ביי מעריב: "ובצל כנפיך תסתירנו", און אזוי אויך ביי סליחות בעטן מיר: "יחביאנו צל ידו תחת כנפי השכינה" - טראץ

### ענטפערן אמן אין א טייל פון די ברכה

**"כִּי לֹא מִלְאוּ אַחֲרָי"** (לב יא)

די ראשי תיבות: "כִּי לֹא מִלְאוּ אַחֲרָי" - זענען בגימטריה צ"א אזוי ווי די גימטריה פון 'אמן', דיך צו לערנען אז די ווארט 'אמן' פילט אן און איז משלים די ברכה. און אזוי ווי דער 'משנה ברורה' שרייבט (או"ח קסז כ): "שעניית אמן היא גם כן מכלל הברכה".

יו"ר 'בני אמונים', הרב יעקב דוב מארמארשטיין שליט"א

מיר האבן געזינדיגט, זאל אונז הקב"ה באהאלטן פון די מקטרגים וואס זענען באשאפן געווארן פון אונזערע זינד, זיי זאלן אונז נישט טרעפן.

'נימוקי רידב"ז' ויצא

### ברכת הארץ - אויף די רוחניות און נישט אויף די גשמיות

**"וְהוֹרַשְׁתֶּם אֶת כָּל יֹשְׁבֵי הָאָרֶץ מִפְּנֵיכֶם וְאִבַּדְתֶּם אֵת כָּל מַשְׂכִּיֹּתָם וְאֵת כָּל צַלְמֵי מַסֵּכֹתָם תְּאַבֵּדוּ וְאֵת כָּל בָּמוֹתָם תַּשְׁמִידוּ"** (לג נג)

די חכמים זאגן (ברכות מט א) דער וואס ענדיגט די צווייטע ברכה פון ברכת המזון מיטן לשון: 'ברוך אתה ה' מנחיל ארצות' אנשטאט: "על הארץ ועל המזון", אזוי אויך דער וואס ענדיגט די דריטע ברכה ביים בענטשן, מיטן לשון: 'ברוך אתה ה' מושיע את ישראל', אנשטאט: "בונה ירושלים" - "הרי זה בור".

**ערקלערט דער 'חתם סופר':**

דער וואס ענדיגט מיט דעם לשון 'מנחיל ארצות' אדער 'מושיע את ישראל', איז מגלה דעת אז ער זעט אין ארץ ישראל נאר א גשמיות'דיגע גוטסקייט; ווי עס וואלט נישט געווען א ערנסטע אונטערשייד צווישן ארץ ישראל און אנדערע לענדער, און אזוי ווי אלע פעלקער האבן זוכה געווען צו א שטיקל ערד וואו דארט קענען זיי רועהן במנוחה, אזוי האט אונזער פאלק זוכה געווען אין די ארץ ישראל נאר כדי זיי זאלן קענען זיצן רואיג און זיך זעטיגן פון איר גוט'ס.

דער וואס טראכט אזוי איז א 'בור', ווייל ער טוט מחשיב זיין די עולם הזה, אין די צייט וואס די אמת'דיגע סיבה וואס וועגן דעם דארפן מיר זיך פרייען און דאנקען אויף די לאנד, איז נאר צוליב איר ספעציעלע קדושה און די אלע מצוות וואס זענען דא אין איר. דעריבער האבן די חכמים מתקן געווען אז ביים לויבן אויף די לאנד און אויף ירושלים זאלן מיר זיך באציען אויף די עצם רוחניות'דיגע מעלה - 'על הארץ' און 'בונה ירושלים', און נישט אויף די גשמיות'דיגע טובה וואס קומט ארויס פון זיי.

'תורת משה' מהדורה תליתאה עקב

### אונזער תפילה אויף די גאולה האלט זיך אפ צוליב עסן און קליידער

**"וְיָשַׁב בָּהּ עַד מוֹת הַכֹּהֵן הַגָּדֹל"** (לה כה)

אין מסכת מכות (יא א) ווערט ערקלערט אז די מאמע פון כהן גדול האט צוגעשטעלט עסן און קליידער פאר די וואס זענען געווען אין די ערי מקלט כדי זיי זאלן נישט דאווענען אויף איר זון זאל שטארבן.

לאמיר זיך פארשטעלן; דער וואס זיצט אין גלות איינזאם מיט נאך איינציגע פארטריבענע אזוי ווי ער, אינגאנצן אפגעריסן פון זיין פאמיליע און קהילה; די איינציגסטע וועג צו קענען ארויסגיין פון זיין שווערן מצב איז צו דאווענען אויף די פטירה פון כהן גדול - קען דען זיין אז צוליב עסן און קליידער וועט ער מוותר זיין אויף זיין פרייהייט?!

ערקלערט **רבי זלמן סאראצקין**: ריכטיג טאקע אז צושטעלן עסן און קליידער וועט נישט אפהאלטן פון די פארטריבענע פון צו דאווענען אויף די טויט פונעם כהן גדול, אבער עס קען אפשוואכן איר כח. ווייל א תפילה וואס ווערט געזאגט ווען א מענטש געפינט זיך אין א ארעמקייט, ווערט שנעלער אנגענומען פון א תפילה וואס ווערט געזאגט זייענדיג אין א ברייטן צושטאנד, אזוי ווי עס שטייט (תהלים סט לד): "כִּי שֹׁמֵעַ אֶל אֶבְיוֹנִים ה' וְאֶת אֲסִירָיו לֹא בָזָה".

נאך איז דא וואס ערקלערן, ווי ווייט די זאך איז אין אונזערע אויגן אפגעפרעגט, אבער אז מיר וועלן זיך מתבונן זיין וועלן מיר זען אז מיר פירן זיך אויך אזוי אויף; מיר זענען שוין א לאנגע צייט אין א ביטערן גלות, ארום גענומען מיט רוחניות'דיגע און גשמיות'דיגע שוועריקייטן, מיר האבן די מעגליכקייט צו דאווענען אויף די גאולה וואס וועט אונז ברענגען א אייביגע טובה, אבער מיר טון עס נאר אין א צייט וואס מיר זענען אין א צרה, אבער אין די צייט וואס מיר האבן ברייט פרנסה דאווענען מיר נישט אויף די גאולה ווי עס דארף צו זיין- ווי קען דאס זיין?!

'אוזנים לתורה'; 'אהל משה' [פון רמ"י שיינערמאן]



מיטוואך ה' אב געפאלט אויס די יומא דהילולא פון דער אר"י הקדוש, אויף אים האט מען עדות געזאגט אז יעדן טאג האט ער מקדיש געווען פון זיין טייערן צייט כדי צו ענטפערן אמן נאך די 'ברכות השחר' פון די וואס האבן געדאווענט אין זיין בית המדרש, אזוי ווי די מאורי הדורות ברענגען:

- דער אר"י הקדוש האט געענטפערט אמן נאך די וואס האבן געזאגט ברכות השחר אין שול, אפילו זיי זענען געווען הונדערט האט ער געענטפערט אמן נאך זיי ('שערי תשובה' או"ח ו ו).
- "עס ווערט געברענגט אין כתבי האר"י ז"ל אז ער האט געהערט ברכות השחר אפילו פון הונדערט מענטשן. כאטש ער האט געקענט אין איין מינוט מייחד זיין אלע עולמות, פון דעסוועגן האט ער אויפגעפאסט אויף זיין צייט צו הערן אפילו הונדערט מאל, הנותן לשכוי בינה און אלע ברכות" ('סדר היום' פון 'בית אהרן' פון קארלין).

ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.



אֲפִלּוּ מֵאָה פְּעָמִים

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## דער פיוט 'יגדל' (יג): דער צוועלעפטער עיקר - ביאת המשיח

### אמונה אין ביאת המשיח

דער צוועלעפטער עיקר איז אונז מחייב צו גלייבן באמונה שלימה אז דער מלך המשיח וועט פאר אונז אנטפלעקט ווערן און אונז קומען אויסלייזן, אזוי ווי מיר זענען אויף דעם צוגעזאגט געווארן אין די תורה און אין די נביאים. כאטש מיר ווארטן שוין הונדערטער און טויזנטער יארן אויף זיין אנקום, און ער פארזוימט זיך פון צו קומען, פון דעסטוועגן זענען מיר מחויב ווייטער ווארטן אויף אים, און מיר טארן נישט באשטימען א צייט אויף דעם אדער אויסרעכנען די צייט, נאר אויף אונז ליגט צו גלייבן און דאווענען אויף זיין אנקום אין יעדן טאג.

נאך דארפן מיר גלייבן אז דער מלך המשיח וועט שטאמען פון דוד און שלמה, "שאין מלך לישראל אלא מבית דוד ומזרע שלמה", און ער וועט זיין גרויס אין חכמה און אין אנדערע מעלות מער פון אלע קעניגן וואס זענען געוועזן ביז די יעצטיגע צייטן (פיה"מ לרמב"ם סנהדרין הקדמה לפ"י).

דער רמב"ם (מלכים יא א) שרייבט אז דער וואס האט א ספק אדער ער טוט גרינגשעצן אין דער ענין פון ביאת המשיח, איז ער א כופר בתורה, ווייל: "אין די פרשה פון בלעם... האט ער נביאות געזאגט אויף די צוויי משיחים, אין דעם ערשטן משיח וואס דאס איז דוד וואס האט געהאלפן די אידן פון זייערע פיינט, און דעם לעצטן משיח וואס וועט ארויסקומען פון זיינע קינדער וואס וועט העלפן די אידן פון די האנט פון די בני עשו, און דארט שטייט (במדבר כד יז): 'אראנו ולא עתה' - דאס איז דוד, 'אשורנו ולא קרוב' - דאס איז מלך המשיח".

דער סמ"ק (מצוה א) שרייבט אז די אמונה אין ביאת הגואל איז אריינגערעכנט אין די חיוב אמונה אין ה' וואס דאס איז דער יסוד פון כל התורה כולה. ווייל אין די באפעל (שמות כ יב): "אנכי ה' אלקיך אשר הוצאתיך מארץ מצרים מבית עבדים", האט הקב"ה געזאגט: "אזוי ווי איך וויל ענק זאלן גלייבן אין מיר אז איך האב ענק ארויסגענומען פון מצרים, אזוי וויל איך אויך ענק זאלן גלייבן אז איך בין דער אייבערשטער ענקער גאט און איך וועל ענק צוריק אויסלייזן און העלפן".

### לעבן מיט האפענונג אויף ביאת המשיח

ווען דער רמב"ם (שם) ערקלערט די חיוב פון גלייבן אין ביאת המשיח, שרייבט ער: "און יעדער וואס גלייבט נישט אין דעם, אדער דער וואס ווארט נישט אויף זיין קומען, נישט אז ער איז א כופר נאר אין די רייד פון די אנדערע נביאים, נאר אין די תורה און אין משה רבינו". פון די ווערטער האט דער גרי"ז סאלאווייטשיק פון בריסק ארויסגעלערנט אז עס איז נישט גענונג צו גלייבן אין ביאת המשיח, נאר עס איז אויך א חוב צו גלייבן אז ער קען קומען אין יעדע מינוט, און וועגן דעם דארף מען שטענדיג ווארטן אויף זיין אנקום, ווייל דער וואס גלייבט באמת אז משיח קען קומען אין יעדע מינוט, וועט זיכער ווארטן און האפן אויף אים אין יעדע מינוט. וועגן דעם זאגן מיר ביים דאווענען: "כי לישועתך קוינו כל היום" - ד.מ. אז א גאנצן טאג איז פול מיט האפענונג אויף די ישועה.

דער מסדר פון די דרייצן עיקרים האט ארויסגעברענגט דעם אויבנדערמאנטן געדאנק מיט דעם וואס ער האט אויסגעשטעלט די עיקר אויף א וועג פון א פראגע מיט א ענטפער: "אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח, ואף על פי שיתמהמה, עם כל זה אחכה לו בכל יום שיבוא". צו זאגן: אויסער די עצם אמונה אין ביאת המשיח, זענען מיר מחויב צו גלייבן און ווארטן ער זאל קומען אין יעדע מינוט, און דאס וואס ער האלט זיך אפ פון צוקומען, קען גארנישט ארמפנעמען אפילו א האר פון אונזער חוב פון צו ווארטן אויף אים יעדן טאג ער זאל קומען ('פניני רבינו הגרי"ז' עמ' פה).

אויפן רבי'ן בעל 'אמרי אמת' פון גור ווערט דערציילט אז אלע יארן וואס ער איז געוועזן אין ירושלים, האט ער זיך אפגעהאלטן פון ארויפגיין אויפן הר הזיתים. איינמאל האט ער ערקלערט זיין טעם פאר איינער פון זיינע מקורבים: "אלע ווייסן דאך וואס עס איז געזאגט געווארן אין די נבואה פון זכריה (יד ד) וואס עס וועט זיין לעתיד לבוא: 'ונבקע הר הזיתים מחציו מזרחה וימה גיא גדולה מאד, ומש חצי ההר צפונה וחציו נגבה'; וויאזוי כאפט נישט אן א ציטער ארויפגיין אויף די בארג, אפשר וועט משיח קומען פונקט אין די צייט? נאר וואס, זיכער טראכט מען אין הארץ עס זעט נישט אויס אז משיח וועט קומען פונקט אין די מינוטן וואס זיי זענען אויפן בארג, אבער אין אמת'ן טארן מיר נישט מסיח דעת זיין פון די האפענונג אויף זיין קומען אפילו אויף איין מינוט!" ('אמרי אמת' ליקוטים עמ' קכא).

### האפן און ווארטן - א תנאי אויף די ישועה

די בענקעניש אויף די גאולה איז נישט נאר א טייל פון די אמונה אין ביאת המשיח, נאר איז אויך א תנאי מיר זאלן זוכה זיין צו דעם, אזוי ווי דער מבי"ט שרייבט ('בית אלקים' שער התפילה פרק יז): "די וואס ווארטן אויף דעם זענען זוכה צו זען די פרייד פון די גאולה, און די וואס ווארטן נישט אויף דעם זענען נישט זוכה צו דעם". דעריבער האט דער פייטן מתקן געווען זאגן: "ישלח לקץ הימין משיחנו **לפדות מחכי קץ ישועתו**" ('מגיד צדק' בסידור 'שער הרחמים').

דער משגיח רבי יחזקאל לעווינשטיין האט געזאגט: אזוי ווי די אידן זענען נישט אויסגעלייזט געווארן פון מצרים ביז זיי האבן געשריגן צו ה' און געדאוונט צו אים, אזוי אויך איז ביי די גאולה העתידה; לויט וואס דער מענטש וועט אריינגעמען אין זיין הארץ דעם ביטערן מצב וואס די אידן געפינען זיך אין גלות, און צוליב דעם וועט ער שרייען און אינזין האבן ביים דאווענען אויף די גאולה, אזוי וועט ער זוכה זיין צו זען דעם ביאת הגואל ('אור יחזקאל' - אמונה עמ' רסד, רפח).

### קץ הימין - קץ הימים

אין דער פיוט 'יגדל' זאגן מיר דעם נוסח פון דער עיקר מיט דעם לשון: "ישלח לקץ הימין משיחנו לפדות מחכי קץ ישועתו". בפשטות "קץ הימין" - באדייט 'קץ הימים' (רש"י דניאל יב יג). אבער עס ליגט באהאלטן אין דעם א טיפע באדייט, געבויעט אויפן לשון הפסוק וואס רעדט איבער אונזער גיין אין גלות (איכה ב ג): "הֵשִׁיב אָחוֹר יְמִינוֹ מִפְּנֵי אוֹיֵב". ווען דער פיינט האט פארטריבן די אידן, האט הקב"ה אוועקגעדרייט זיין רעכטע האנט פון צו מלחמה האלטן מיט אים. אבער אין די צייטן פון משיח וועט זיך ענדיגן די גזירה פון: "הֵשִׁיב אָחוֹר יְמִינוֹ", און הקדוש ברוך הוא וועט צוריק דרייען זיין רעכטע האנט אויף פארנט כדי מלחמה האלטן מיט די שונאי ישראל און אויסלייזן די אידן (רש"י פסחים נו א ד"ה קץ).

נאך זענען דא וואס טייטשן: 'ימין' איז א רמז אויף מידת הרחמים, און 'שמאל' איז א רמז אויף מידת הדין (ראה שמות טו ו). דעריבער רופן מיר אן די גאולה "קץ הימין" ווייל מיר האפן אז ביי די 'קץ' וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן מיט מידת הרחמים, אן צו דארפן ליידן די חבלי משיח (צל"ח פסחים שם).

נאך איז דא וואס טייטשן אז עס זענען דא צוויי וועגן וויאזוי די גאולה קען זיין, איינס איז 'בעתה' ד.מ. איז די צייט וואס איז באשטימט געווארן אויף דעם, און עס איז דא א גאולה פון 'אחישנה', אויב הקדוש ברוך הוא וועט צואיילן די גאולה פאר איר צייט (זעה סנהדרין צח א): 'קץ הימים' איז א כינוי אויף די גאולה אין די באשטימטע צייט צו די גאולה. אבער 'קץ הימין' איז א כינוי אויף די גאולה פון 'אחישנה' ווען הקב"ה וועט אונז אויסלייזן בעפאר די צייט, און אויף די גאולה בעטן מיר (סידור 'דובר שלום').

**יְשַׁלַּח** הקדוש ברוך הוא **לְקֵץ הַיָּמִין** - צום ענדע פון די טעג, דעם **מְשִׁיחֵנוּ** כדי **לִפְדּוֹת** די וואס זענען **מְחַכֵּי קֵץ יְשׁוּעָתוֹ**

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## די תפילה וואס איז אנגעהאנגען געוועהן אין די באשלוס

הגאון הצדיק רבי יהודה זאב סעגאל זצ"ל פון מאנטשעסטער, דער וואס מיט ליבשאפט האט מען אים אנגערופן 'דער חפץ חיים פון אייראפא' איז ביי אלעמען באקאנט פאר א צדיק יסוד עולם. אין לויף פון אסאך יארן האט ער געדינט אלץ ראש ישיבה פון מאנטשעסטער און דארט האט ער אויפגעשטעלט הונדערטער און טויזנטער תלמידים וואס אסאך פון זיי האבן פארשיינט די וועלט מיט זייער תורה און יראה.

רבי יהודה זאב איז באקאנט געווען אלץ דער עמוד התפילה. זיינע תפילות פלעגט ער יעדן טאג עקסטער דאווענען מיט א אויסטערלישע שטייטקייט, מיט א השתפכות הנפש און דמעות שליש. די וואס האבן פון די זייט צוגעקוקט האט עס אויסגעזען כאילו ער וואלט געהאלטן ביי נעילה פון יום כיפור. ער פלעגט זאגן אז אינוועסטירן אין דאווענען איז די מערסטע געלונגענע אינוועסטן, ווייל דאס גאנצע לעבן פון א מענטש איז אין דעם אנגעהאנגען.

ער איז געווען באקאנט מיט זיין אויסטערלישע אפגעהיטנקייט אין שמירת הלשון, און מיט זיין מסירות נפש צו פארשפרייטן דאס לערנען פון אט די הלכות. ער פלעגט זאגן אז דער וואס וויל אז זיינע תפילות וואס קומען ארויס פון זיין מויל זאל אנגענומען ווערן, איז אין די זעלבע צייט מחוייב אפהיטן זיין מויל און צינג, ווייל די חכמים האבן צוגעגליכנט דאס דאווענען צו א פייל און די מויל צו א בויגן, און אזוי ווי א פעלעריגע בויגן קען נישט שיסן דעם פייל אויפדערוויטנ'ס, אזוי אויך ווען די מויל איז נישט ריין, קען נישט די תפילה אנקומען ווי עס דארף צו זיין.

צוליב זיין זהירות מיטן אפהיטן זיין מויל, איז נישט קיין וואונדער געווען אז זיין נאמען איז ברייט באקאנט געווארן פאר אזא איינער וואס זיינע ברכות ווערן אנגענומען. פון דער גארער וועלט פלעגט מען קומען צו אים כדי צו באקומען פון זיין מויל א ברכה. נישט אסאך האבן געוואוסט אז רבי יהודה זאב האט זיך נישט באגענוגט מיט געבן א ברכה, נאר ער פלעגט אויך אראפלייגן א קאכעדיגע תפילה פאר די וואס האבן געבעטן א ישועה.

מער פון אלעם איז רבי יהודה זאב באקאנט געווען מיט זיין אויסטערלישע ליבשאפט צו זיינע תלמידים און זיין שטארקע איבערגעגעבנקייט זיי אויפבויען אין תורה און אין יראת שמים. אויב אזוי, איז נישט קיין וואונדער אז ווען איינער פון זיינע יונגע תלמידים האט אים דערציילט זיין צרה אז יעצט איז ער געוואר געווארן אז אין זיין קערפער געפינט זיך די ערגסטע פון אלע קראנקהייטן און די דאקטורים געבן נישט אסאך אויסזוכטן אויף זיין ערהוילונג, האט ארומגענומען דעם ראש ישיבה א שרעקליכן צער, ווי עס וואלט זיך געהאנדלט פון זיין בן יחיד.

רבי יהודה זאב האט באלד צוזאם גערופן אלע תלמידי הישיבה און האט אלעמען געהייסן זאלן איינרייסן אלע וועלטן. אין די זעלבע צייט האט ער באגאסן דעם בחור מיט טרייסט ווערטער און אים געמוטיגט מיט אמונה און ביטחון אין הקדוש ברוך הוא וואס דאס לעבן און טויט געפינט אין זיינע הענט און אז ער וויל קען ער אין איין מינוט צורייסן די שלעכטע גזירה.

דער בחור און זיין משפחה זענען גוט באקאנט געווען פארן ראש הישיבה. זיין פאטער איז געווען א ערליכער בעל-הבית וואס האט זיך שטארק געפלאגט אויף זיין פרנסה, ער האט געשיקט אלע זיינע זון לערנען אין די מאנטשעסטער ישיבה ביז זייער חתונה, אבער ער האט געהאט א לעבנ'ס-פרינציפ אז נאך זייער חתונה זאלן זיי ארויסגיין פון די עולם התורה און ארבעטן אין די משפחה ביזנעס. רבי יהודה זאב האט זיך אסאך געפלאגט איבעררעדן דעם טאטן ער זאל טוישן זיין מיינונג, אבער דער פאטער וואס פון זיין יוגנט איז ער ערצויגן געווארן אויף דעם לעבנ'ס-פרינציפ, איז נישט איבערגערעדט געווארן.

יעצט, וועגן דעם שווערן מצב פון זיין זון, האט דער ראש ישיבה גערופן דעם פאטער אויף א וויכטיגע שמועס. ווי געראכטן איז דער פאטער אנגעקומען צו די צוזאמענטרעף מיט א אראפגעלאזטן פנים וואס האט ארויסגעוויזן זיין צובראכנקייט וויסנדיג אז די לעבן פון זיין זון ליגט אויף א וואגשאל.

באלד ביים אריינקומען אין צימער האט רבי יהודה זאב געזאגט פארן פאטער: "איך האב יעצט געהערט פון דיין זון איבער זיין שווערן צושטאנד. לויט מיין מיינונג טארן ענק זיך נישט מתייאש זיין מן הרחמים און איך זעה א גרויסע האפענונג אז מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועט ער זיך ארויסדרייען פון דעם. אבער, עס איז קלאר אז צוליב דעם שווערן צושטאנד פעלט אויס פון ענקער זייט צו טון א גרויסע זאך כדי צו צורייסן די שלעכטע גזירה. איך האב אסאך אריינגעטראכט אין דעם און איך בין אנגעקומען צו א קלארן אפמאך, אויב דו וועסט זיך אונטערנעמען און צוזאגן אז אויב דיין זון וועט אויסגעהיילט ווערן וועסטו טון אלעס אויף דער וועלט כדי ער זאל קענען מקדיש זיין זיין לעבן אויף תורה און קיינמאל זיך נישט אפטון פון איר געצעלט, זאג איך דיר צו אז אין גיכן וועט ער האבן א גענצליכע רפואה.

דער פאטער וואס האט געהאט דעם פולסטן צוטרוי צום ראש ישיבה, איז אויפגעציטערט געווארן הערנדיג די קלארע ווערטער פון זיין מויל. אין לויף פון לאנגע מינוטן האט ער גארנישט געקענט ארויסזאגן מיט זיין מויל; אויף די וואגשאל זענען געשטאנען די לעבן פון זיין זון פון איין זייט, און זיין לעבנ'ס-פרינציפ פון וואס ער האט געהאלטן - פון די צווייטע זייט.

עס האט זיך געהאנדלט פון א שווערן באשלוס, ווייל אויסער מוותר זיין אויף די האפענונג פון זיין זון, האט ער זיך געדארפט אונטערנעמען ער זאל אויסהאלטן אים מיט זיין פאמיליע לאורך ימים ושנים. עס איז אים שווער געווען ענטפערן א ענטפער אויפן ארט און האט געבעטן פונעם ראש ישיבה א שטיקל צייט.

רבי יהודה זאב האט געקוקט אויף אים מיט א בליק וואס איז פארמישט געווען מיט רחמנות, אבער ער האט אים גארנישט געזאגט, און דער פאטער איז ארויס פון צימער מיט וואקלדיגע טריט.

אין די טעג וואס דער ראש ישיבה האט געווארט אויף די ענטפער פונעם פאטער האט ער נישט אויפגעהערט פון צו דאווענען אויף זיין באליבטן תלמיד, און אין די זעלבע צייט מחזק זיין זיין צובראכענעם גייסט און אריינבלאזן אין אים א האפענונג. זיין מצב איז אבער פארערגערט געווארן און זיין אויסזען איז געווען שרעקליך, און דער ראש ישיבה האט דאס נישט געקענט צוקוקן.

נאכן אדורכגיין צוויי וואכן און דער צושטאנד פון בחור האט זיך נאר פארערגערט, האט דער ראש ישיבה געבעטן פון זיין תלמיד ער זאל ווי שנעלער איבערגעבן פאר זיין פאטער אז ער ווארט נאך אויף זיין ענטפער. אבער דער פאטער האט נישט געהאט די קוראזש צו נעמען א באשלוס...

נאך א תקופה איז אריבער. דער אפגעשוואכטער בחור איז שוין קוים געקומען אין בית המדרש, און פלוצלינג איז אנגעקומען די ביטערע נייעס אז מיטאמאל איז זיין צושטאנד פארערגערט געווארן און איז געווארן קריטיש. די דאקטורים וואס האבן אויפגעגעבן האבן געמוזט מעלדן פאר די עלטערן אז זיי דארפן זיך גרייטן אויף דעם ערגסטן פון אלעס. פון זייער זייט האט זיך עס געהאנדלט פון געציילטע שעות אדער טעג...

דאס מאל האט שוין דער פאטער נישט געקענט ווייטער קווענקלען. ער איז געלאפן צו די צימער פונעם ראש ישיבה ווען ער איז אינגאנצן אויפגעשטורמעט, און באלד ביים אריינקומען אין צימער האט ער אויסגערופן: "איך האב באשלאסן אננעמען אלעס וואס דער ראש ישיבה זאגט. איך האב באשלאסן אז אויב מיין זון וועט געזונט ווערן וועל איך אלעס טון ער זאל נישט דארפן ארויסגין פון די תורה'דיגע געצעלט ביז סוף פון זיינע יארן...!".

געציילטע מינוטן נאכדעם האט מען זיך געשטעלט דאווענען מנחה אין היכל הישיבה. דער ראש ישיבה האט זיך געשטעלט דאווענען א קאכעדיגע דאווענען אזוי ווי זיין שטייגער, און ווען די תפילה האט זיך געענדיגט האט ער נאך געהאלטן אינמיטן דאווענען שמונה עשרה. די ישיבה בחורים וואס האבן געציטערט אויף די גורל פון זייער חבר זענען איבערגעבליבן אין בית המדרש, זיי האבן נישט געקענט אפרייסן זייערע אויגן פון די געשטאלט פונעם ראש ישיבה וואס האט אויסגעזען אין זייערע אויגן ווי דער כהן גדול וואס שטייט אין קודש הקדשים.

אנקומענדיג צו די תפילה 'אלוקי נצור' האט זיך אביסל געשטארקט זיין שטימע, און די וואס זענען געשטאנען נאנט צו אים האבן געקענט הערן ווי ער גיסט אויס זיין הארץ פארן באשעפער ווי א קינד צו זיין פאטער און בעט זיך מיט פשוטע ווערטער:

"ריבונו של עולם, דריי מאל האב איך צוגעזאגט אז אויב די לעבן פון דער בחור וועט געווידמעט ווערן אויף תורה - וועט ער אויסגעהיילט ווערן. איך בעט! קוק דיך צו צו די מסירות נפש וואס עס האט זיך אויסגעפעלט פון זיין פאטער ער זאל צו דעם מסכים זיין, און יעצט האט ער צוגעזאגט אויסהאלטן זיין זון אגאנץ לעבן, זעה אז מיין הבטחה זאל מקויים ווערן...".

אזוי האט ער מאריך געווען לאנגע מינוטן מיט דאווענען און בעטן, און ווען ער האט זיך בארואיגט און אויסגעטריטן 'עושה שלום', האבן די ישיבה בחורים אפגעאטעמט. זיי האבן געפילט אז יעצט אין די ישועה נאנט.

עטליכע שעות נאכדעם איז אנגעקומען די פרייליכע גוטע נייעס אז פלוצלינג איז געשען א דראסטישע ענדערונג אין די צושטאנד פון דעם בחור וואס איז שוין געווען שטערבערליך קראנק. ער האט געעפנט זיינע אויגן אקעגן די פארוואונדערטע אויגן פון די דאקטורים און געבעטן וואסער צו טרינקען.

אין די קומענדיגע טעג האט זיך פארבעסערט זיין מצב. די דאקטורים וואס האבן נישט געקענט גלייבן האבן אים געהייסן טון בדיקות איינמאל נאכן צווייטן וואס פון איינס ביז די קומענדיגע האט זיך אנגעזען אז די קראנקייט גייט אוועק ביז זי איז אינגאנצן פארהוילן געווארן. עטליכע וואכן נאכדעם איז דער בחור שוין צוריק געזיצן אין בית המדרש ווען ער איז געזונט און שטארק.

דער פאטער וואס האט זיך איבערגעצייגט אין דעם אפענעם נס האט מיט שטאלץ איינגעהאלטן זיין התחייבות, און פון דער טאג האט ער אלעס געטון אז זיין זון זאל קענען לערנען פלייסיג אן קיין שטערונגען. דער בחור איז טאקע געשטיגן, און ווען עס איז אנגעקומען זיין צייט האט ער חתונה געהאט מיט א בת תלמיד חכם וואס איר גאנצע וואונטש איז געווען אז איר מאן זאל שטייגן און מצליח זיין אין תורה.

דער פאטער פון זיין זייט האט ווייטער אויסגעהאלטן דעם גרויסן הויז וואס האט זיך געבויעט און אויסגעברייטערט אקעגן זיינע אויגן. אין לויף פון די יארן וואס זענען אריבער פון דעמאלטס האט ער זוכה געווען צו זען זיין זון שטייגט אין תורה שטאפל נאך שטאפל. היינט צו טאג איז ער באקאנט אלץ איינער פון די חשובע תלמידי חכמים אין ענגלאנד וואס איז מקדיש זיין גאנצע לעבן אויף לערנען און פארלערנען פאר די תלמידים.

'טיב ההתחזקות' ח"ב עמ' תצב



shay עיצובים